FUR WORKERS: CONDEMN A SHAMEFUL PROVOCATION!

TEAR THE DISGUISE FROM THOSE WHO CLOAK THEMSELVES WITH THE TITLE: "WOUNDED FURRIERS". LET ALL WORKERS, FURRIERS AS WELL AS THE REST OF THE LABOR MOVEMENT, HEAR THE FACTS AND THEN PASS JUDGMENT.

On Friday, the 23rd of February, the professional committee of the Industrial Union distributed a circular signed "Wounded Furriers".

With this leaflet the capitalist class receives on a silver platter a stool pigeon's gift.

An attempt is here made to link the rank and file furrier Comrade George Weiss with the murderous attack made on the Industrial Union office by a mob of professional thugs.

In the sheet they issued last week the stool-pigeons say—"the active Lovestoneite, Joe Weiss, was found in the building of our union." In order to make it still more mysterious, they say: "For 3 years before that day this Lovestoneite was not seen in the office of the union. He was not working as a furrier and did not participate in any of the union activities."

What are the aims of this shameful provocation? The chief objective is to let the employers and the police know about George Weiss' alleged crimes. With hopes, of course, that this will end the activity of the honest and devoted rank and filer working for the interests of the workers in the fur trade.

We therefore want to inform the officialdom of the Industrial Union that we understand your motives perfectly well. Of late you have launched a thoroughly unprincipled campaign of lies, provocation and slander.

We are quite sure that your new allies, among whom are to be found scabs, thieves, and frame-up artists, have been a great help in this new policy of yours.

Gentlemen, you must have lost your heads completely! Your new "tactics" show you to have sunk to the lowest depths. All your claims and accusations are based on falsifications: "Not in the trade for 3 years!" Comrade Weiss was away from the trade for only 8 months. But even during that time he was frequently to be seen in the market looking for work,—seen not by a few but by hundreds of furriers who discussed or heard him discuss his desires for one union in our trade. During that time he even carried on discussions in the office of the dual union. Respected even by those who disagreed with him. Though in violent disagreement with the policy of the dual union he nevertheless defended the workers there whenever they were attacked by the bosses. All furriers know that George Weiss was one of the chief victims of capitalist class oppression in the Mineola frame-up. In a pamphlet "The Mineola Frame-up", written by P. Novick, published by the Freiheit in 1928, the same George Weiss was singled out as the most devoted and self-sacrificing of the union defenders.

"Not in the trade for 3 years". Why only six months before the attack on the Industrial Union office George Weiss was campaigning against an agreement concluded by the Trimming bosses and the Industrial Union which permitted overtime and contracting.

At a meeting on 24th Street, Gold himself made a motion that George Weiss and other Lovestoneites be kept out of union meetings because they were too critical.

George Weiss needs no advertising. He is of that type of union man who is always to be found in the front trenches defending the interests of the rank and file even if it means danger to life itself.

Not only the furriers but even the dual union leaders know this truth. To us it is quite clear that Comrade Wess' political opinions are the real reasons for the filthy personal attack made upon him.

It was back in 1930 when the split in the Communist Party was taking place, that Comrade Weiss publicly lined up with the policies of the Communist Party Opposition, a point of view which declared against dual unionism and which insisted that the furriers must have one union, and that union must be part of the organized labor movement of the American working class.

Now that we have gone over from words to deeds one of our leading comrades, George Weiss, was singled out for an attack. Why? Is it because he actively participates in ending scab conditions in some shops which the A. F. of L. union has stopped off? Is it that which has brought him into high disfavor with the owners of the dual union? And is that why an attempt is being made to have the police end his activity?

This is our declaration to the fur workers and to all fair-minded people in the labor movement.

At the same time we want to ask the leaders of the dual union the following questions:

Answer if you can!

1. What was it that made you issue the circular in the name of "Wounded Furriers", instead of the name of your so-called union?

2. Are the wounded signatories so weak that they couldn't sign their names?

3. We want to know, in calling witnesses to the trial of the thugs that attacked your office, why George Weiss was not called to testify.

4. According to your own admission you became pregnant with suspicion even at that time, last April. Don't you realize you will have some tall explaining to do to show why it took ten months to give birth to this monster?

5. And is it not a fact that Comrade Weiss has on several occasions saved your lives, especially that of Potash when he was assailed near Axel's shop?

We are of the opinion, however, that your suspicions have some direct connections with the scab shop. Packard Fur Co. on 27th Street and Abramowitz, 512 Seventh Avenue shops, where piece work and long hours ruled, where pay envelopes after a full week's work contained the big sum of $16 and where "revolutionaries" worked side by side with child laborers. When these shops were stopped—you forgot all about the conditions of slavery that prevailed there, but instead began to develop suspicions about the 10-months-old attack.

That is why you rushed in with your provocation.

The Furriers are also entitled to an answer about the official scabbery you are establishing in our trade.

We want to know whether the official Communist Party supports and endorses the "strikes" that you call on paper in order to frighten workers off jobs and replace them with your own hangers on?

Is it in agreement with your ideas of Communism to undermine the condition in the trade and thereby enslave the workers to their bosses?

Does it jibe with your ideas of Communism to build bosses associations?

In his letter to the recognized employers associations, Gold promised class peace for the price of recognition. "Just a little recognition," was all Gold wanted. The price being,—40 instead of 35 hours, plenty of overtime, and no complaints attended to.

It was really a generous gift to the bosses. And what is the price the workers are scheduled to pay to the cockroach bosses you are organizing into a "Rabbit Association"?

Your list of betrayels is too long!

Didn't we tell you repeatedly that your false political line would lead you to bankruptcy?

Everyone admits that you have failed disastrously along the entire labor front.

But in the fur trade your actions and "politics" are really contemptible.

You are legalizing scabbery and dignifying the scab shop.

An "agreement"! For a signed agreement, no matter with whom, you have endorsed legalized contracting, conceded longer hours, overtime, and granted the bosses a free hand in the shops.

Like humble slaves you stand before the bosses begging any kind of an agreement. That is where your false policies have brought you. We were not surprised at that. But what did astound us is something we wouldn't have believed till now. The spectacle of Communists trying to turn over to Capitalist justice, a class conscious worker merely because he differs with them in his political views. That is done only by those who have completely lost their heads.

But be warned, gentlemen, we stand prepared to repulse every such unprincipled attack.

Fur Workers!

We appeal to you in all seriousness to take notice of this provocation on our honest and courageous comrade George Weiss.

On Guard! Defend your conditions. Don't permit the little scab nests to become an organized factor in the trade.

Remember! New associations of scab nests and contractors will mean a further load added to your heavy burdens.

Provocations, fratricidal strife, and spitting committees will not solve our problems.

What we furriers need is unity and **one union.**

Whatever our political beliefs may be our needs in the shop are the same we all have to struggle against the bosses. In order that our struggles may be victorious we must all be united into one union affiliated to the American Federation of Labor.

Fur Workers! Reject with contempt the lies and slanders that make it impossible for all furriers to get together in united action.

Forward to the struggle for unity and one union!

**FURRIERS FRACTION
OF THE
COMMUNIST PARTY (OPPOSITION)**

פארייער ארבעטער

פארדאמט די שענדליכע פראוואקאציע!

דעקט אויף די מאסקע פון די וואס באהאלטן זיך אונטער א צודעק פון "פארוואונדעטע" פאריערס. זאלן אלע ארבעטער פון ניו־יארק און איבערן גאנצן לאנד זיך באקענען מיט די פאקטן און ארויסגעבן זייער אורטייל

פרייטיק דעם 23־טן פעברואר איז אין פארייער מארקעט אויסגעטיילט געווארן א ליפלעט פון דער אינדוסטריעל יוניאן פראפעסיאנעלער קאמיטע אונטער דעם אונטערשריפט „פארוואונדעטע" פאריערס. אין דעם פאסקוויל ווערט אונטערגעטראגן דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט א שפאגל נייע מסירה׳לע. זיי ווילן פארבינדן דעם רענק און פייל ארבעטער ה. דזשארדזש ווייס מיט דער מערדערליכער אטאקע וואס איז פון פראפעסיאנעלע גענגסטער געמאכט געווארן אויף זייער אפיס. אין יענעם בלעטל זאגן די מוסרים אז: „איינער פון די אקטיווע לאוועסטאניסטען, דזשא ווייס, איז געכאפט געווארן אין בילדינג". כדי נאך מער צו פארטונקלען די זאך טרייען זיי דאס ארומצונעמען מיט א גאנצער געהיימניס. אז „דזשא ווייס איז 3 יאר ניט געווען אין אפיס, ניט געארבעט אין טרייד און ניט געווען אקטיוו אין דער יוניאן".

וואס איז דער צוועק פון דער שענדלאכער פראוואקאציע? דער הויפט ציל איז צו געבן אנצוהערן דער פאליציי, די באסעס און יעדער שווארצער האנט וועגן ווייס׳ס כלומר׳שטן פארברעכן מיט דער האפנונג אז ס׳וועט זיי געלונגען אים אפצוטויטן און דערמיט שטערן די אקטיוויטעט פון דעם ערליכן און איבערגעבענעם רענק און פייל טוער פאר די אינטערעסן פון די ארבעטער אין פאר טרייד.

ווילן מיר דא לאזן וויסן די הערשאפטן פון דער אינדאסטריעל יוניאן אז מיר פארשטיין גאנץ גוט אייערע מאטיוון. עס וואלט געווען לעכערליך פאר אונז זיך אריינצולאזן מיט אייך אין דעבאטן. מיר דערקענען אייערע שמוציקע לאפעס און ברישע נעגל מיט וואס פאר א מאנטל איר זאלט זיך ניט טרייען צו פארדעקן. מיר ווייסן אז איר האט זיך לעצטנס ספעציאליזירט אויף ליגנס, פראוואקאציעס און זלזולים. די סקעבס גנבים און סקווילערס, וואס זיינען צוגעקומען אלס אייערע נייע פארטנערס, האבן אייך זיכער א סך ארויסגעהאלפן אין דער מסירה׳לע. איר האט איינפאך פארלוירן די קעפ פאר פארצווייפלונג. איר האט געזונקן צו דער נידעריקסטער שטופע.

אלע אייערע באהויפטונגען זיינען באזירט אויף פעלשונגען און ליגן. ה. ווייס איז אינגאנצן געווען אוועק פון טרייד 8 מאנאטן צייט. אבער אפילו אין דער צייט, איז ער אפט געקומען אין פאר מארקעט זוכן א דזשאב. יעדעס מאל האט ער מיט די ארבעטער דיסקוטירט און אפן ארויסגעזאגט זיין מיינונג וועגן איין יוניאן אין פאר טרייד. ער האט געפירט די זעלבע דיסקוסיעס אין אפיס פון דער אינדאסטריעל יוניאן, און אפילו די וואס האבן נישט איינגעשטימט מיט אים האבן אים אויך רעספעקטירט. כאטש ער האט נישט צוגעשטימט צו די פאליסים און טאקטיקס פון דער אינדאסטריעל יוניאן האט ער דאך צו יעדער צייט פארטיידיגט די ארבעטער פון יעדן אנפאל וואס די באסעס האבן אויף זיי געמאכט. אין דעם מינעאלא פרייס־אפ, וואס איז גוט באקאנט צו די פאריערס, איז דזשארדזש ווייס געווען איינער פון די הויפט קרבנות פון קאפיטאליסטישער גערעכטיגקייט.

אין דעם פאמפלעט „פארשווערונג אין מינעאלא", געשריבן פון פ. נאוויק אין 1928, ווערט ה. ווייס באצייכנט אלס דער בעסטער און איבערגעבנסטער טוער פון דער יוניאן.

מיט 6 מאנאטען פאר דער אטאקע אויפן יוניאן אפיס האט ה. ווייס באקעמפט דעם אגרימענט וואס גאלד האט געשלאסן מיט די טרימינג באסעס, — אן אגרימענט וואס האט דערלויבט אווערטיים און קאנטראקטינג. גאלד האט אין זיין גרימצארן געמאכט א פארשלאג ביי א מיטינג נישט אריינצולאזן ה. ווייס און אנדערע לאוועסטאניסטען צו די מיטינגען. דזשארדזש ווייס דארף ניט קיין רעקלאמעס, ער איז פון דעם טיף רענק און פיילערס און איבערגעגעבענע אידעאליסטן וואס זיינען אלע מאל גרייט צו פארטיידיקן די ארבעטער־אינטערעסן ווען אפילו ס׳מיינט שטעלן דאס אייגענע לעבן אין געפאר. דאס ווייסן נישט נאר די פאריער, נאר אויך די פירער פון דער דואל יוניאן. פאר אונז איז קלאר אז ס׳איז הויפטזעכליך ה. ווייס פאליטישע איבערצייגונג וואס האט געבראכט צו דער פערזענליכער אטאקע אויף אים.

נאך אין 1930, גלייך נאך דער שפאלטונג פון דער קאמוניסטישער פארטיי, האט ה. ווייס אנגענומען דעם שטאנדפונקט פון דער קאמוניסטישער פארטיי אפאזיציע. ה. ווייס גלויבט פונקט ווי מיר אלע אז אין פאר טרייד דארף זיין נאר איין יוניאן. און די יוניאן מוז זיין פארבונדן מיט דער ארגאניזירטער אמעריקאנער ארבעטערשאפט, די א. פ. אוו ל. איצט, ווען ה. ווייס איז אריבער פון ווערטער צו טאטן און באטייליגט זיך אקטיוו אין בויען די א. פ. אוו ל. יוניאן און אפסטאפען יעדן שאפ וואס גראבט אונטער די קאנדישאנס פון די ארבעטער אין טרייד, האט דאך שטארק פארדראסן די נאטשאלסטווא פון דער 28־טער סטריט און זיי האבן זיך דערפאר געכאפט צו א מסירה׳לע אלס דעם איינציקן מיטל כדי פטור צו ווערן פון ה. דזשארדזש ווייס.

דאס איז אונזער דערקלערונג צו די פאריער־ארבעטער און צו דער גאנצער עפנטליכער מיינונג אין דער ארבעטער־באוועגונג.

צו דער זעלבער צייט ווילן מיר פרעגן די פירער פון דער דואל יוניאן די פאלגנדע פראגן: ענטפערט אויב איר קענט.

1) וואס האט אייך געצוואונגען ארויסצוגעבן דעם ליפלעט אין נאמען פון „פארוואונדעטע" פאריער און נישט פון דער יוניע אליין?

2) צי דען זיינען די פארוואונדעטע טאקע אזוי שוואך אז זיי האבן ניט געקענט אונטערשרייבן זייער נאמען?

3) ווארום האט איר זיך ניט באנוצט מיט דער געלעגנהייט צו נעמען ה. ווייס אויפן וויטנעס סטענד, פונקט ווי איר האט גערופן אנדערע עדות אין קאורט?

4) לויט אייער טענה האט איר מיט דעם חשד פארשוועגנערט גלייך דאן ווען דער אנפאל האט פאסירט, טא ווארום איז נויטיג געווען צו ווארטן גאנצע 10 מאנאטן, און דאן ערשט געבוירן א פארזעהעניש?

5) צי איז דאס נישט א פאקט אז ה. ווייס האט א סך מאל געראטעוועט דאס לעבן פון אייערע פירער און ספעציעל פון ה. פאטאש נעבן עקסעל׳ס שאפ?

מיר האבן א פארדאכט אז אייער חשד האט עפעס א נאענטע שייכות מיט די סקעב שעפער פעקארד פאר קא., אויף 27טע סטריט, און א. אבראמאוויץ, 512 7־טע עוועניו. אין ערשטען שאפ האט מען געארבעט לאנגע שטונדן שטיק־ארבעט און נאך א גאנצע וואך ארבעט האט מען קוים פארדינט 16 דאלער, און אין דעם צווייטען שאפ האבן 2 אויסגעשפראכענע לינקע אנגעטריבן מיט יונגע קינדער פון 16 ־ 17 יאר, וואס האבן פארנומען דעם פלאץ פון יוניאן־לייטע און וואס האבן געארבעט לאנגע שטונדן פאר דעם פרייז פון 12 און 15 דאל. א וואך. ווען ביידע שעפער זיינען אפגעסטאפט געווארן, האט איר פארגעסן אין די שקלאפישע באדינגונגען פון די ארבעטער, אבער איר האט פלוצלונג באקומען דעם חשד וועגן דער מערדעריי פון 10 מאנאטן צוריק, און דערפאר האט איר זיך צוגעאיילט מיט דער מסירה.

די פאריער זיינען אויך בארעכטיגט צו אן ענטפער וועגן דער אפיציעלער סקעבעריי וואס איר פירט אן אין טרייד. מיר ווילן וויסן צי שטיצט די אפיציעלע קאמוניסטישע פארטיי די סטרייקס וואס איר רופט אויפן פאפיר מיטן אבזיכט צו דערקלערן די פאליטישע געגנער פאר סקעבס כדי צו באשאפן דזשאבס פאר אייגענע נאכפאלגער?

צי איז דאס אין איינקלאנג מיט אייער קאמוניזם אונטערצוגראבן די קאנדישאנס אין טרייד, פארשקלאפן די ארבעטער און זיי איבערגעבן אלס א ווערקצייג אין די הענט פון די באסעס?

צי איז דאס א געבאט אז קאמוניסטן זאלן בויען באסעס אסאסיאיישאנס?

אין זיין בריוו צו די עקזיסטירנדע באסישע אסאסיאיישאנס האט גאלד צוגעזאגט קלאסן־שלום פארן פרייז פון אנערקענונג. פאר דעם שטיקעלע אנערקענונג האט ער געלאזט די טרימינג באסעס ארבעטן 40 שטונדן אנשטאט 35. ער האט דערלאזט צו ארבעטן לאנגע שטונדן אווערטיים. ארבעטער קאמפליינטס האט מען אין גאנצן פארקוקט. ס׳איז געווען אן אמת׳ע הארציגע מתנה פאר די באסעס. נו און ווי גרויס איז דער פרייז וואס די ארבעטער וועלן דארפן באצאלן צו די סקעב נעסט באסעס, וואס איר העלפט ארגאניזירן אין א רעביט אסאסיאיישאן?

דער צעטל פון אייערע פארברעכנס איז צו גרויס, און ווען מ׳וואוינט אליין אין א פאפירענער הויז טאר מען קיין פייער ניט מאכן. אז אייער פאלשע פאליטישע ליניע וועט אייך פארפירן, האבן מיר געוואוסט. אז איר זיינט מיאוס דורכגעפאלן אויפן גאנצן ארבעטער־פראנט, געבן אלע צו. וואס איר טוט אבער איצט ביי די פאריערס, איבערשטייגט אלע נידערטרעכטיגקייטן. איר פארסקעבט פשוט די שעפער. פאר א שטיקל באסישן אגרימענט לעגאליזירט איר קאנטראקטינג, אווערטיים און איר דערמוטיגט די באסעס צו טאן מיט די ארבעטער וואס זייער הארץ גלוסט. אז די פאלשע טאקטיק מאכט אייך צו זיין אונטערטעניקע קנעכט ביי די באסעס איז פאר אונז נישט קיין איבערראשונג, אבער מיר האבן קיינמאל ניט געגלויבט אז איר וועט ווערן אפענע מוסרים און איבערגעבן ערליכע ארבעטער, פאליטישע געגנער, צו דעם קאפיטאליסטישן געזעץ. דאס טוען נאר די וואס האבן אין גאנצן פארלוירן די קעפ. מיר לאזן אייך דארום וויסן אז מיר שטייען אויף דער וואך צוריקצושליידערן אלע אייערע אטאקעס.

פאריער ארבעטער, מיר אפעלירען צו אייך, זיך צו פארטראכטן וועגן דער מסירה וואס איז געמאכט געווארן אויף דעם מוטיגסטן און אקטיווסטן ערלאכן ארבעטער ה. ווייס. אויף אייך ליגט א מאראלער חוב צוריקצושליידערן די מסירה.

זייט אויף דער וואך. פארהיט אייערע קאנדישאנס. דערלאזט ניט די סקעב נעסטן צו ווערן א פאראייניגטער פאקטאר אין טרייד. געדענקט אז נייע אסאסיאיישאנס פון סקעב נעסטן און קאנטראקטערלאך מיינט א פארגרעסערטער הויקער אויפן פלייצע פונם ארבעטער. מסירות, געשלעגן, שפיי־קאמיטעס און לינטשינג ספיריטס וועלן ניט לעזן אונזערע פראבלעמען.

וואס מיר דארפן איז איינגיקייט אין איין יוניאן. מאכט ניט אויס וואס אונזערע פאליטישע מיינונגען זאלן ניט זיין — אונזערע אינטערעסן אין שאפ זיינען דיזעלבע, און מיר מוזן פירן איין קאמף געגן אלגעמיינעם שונא, דעם באס.

כדי אונזער קאמף זאל זיי דערפאלגרייך מוזן מיר האבן איין יוניאן, וואס זאל זיין אנגעשלאסן און פאראייניגט מיט דער אפיציעלער ארגאניזירטער אמעריקאנער ארבעטער־באוועגונג, די א. פ. אוו ל.

פאריער ארבעטער, ווארפט צוריק מיט פאראכטונג די געמיינע ליגנס און פראוואקאציעס וואס מאכן אונמעגליך יעדע פאראייניגטע אקציע.

אויף צום קאמף פאר איינגקייט און איין יוניאן!

פאריער פראקציע פון דער קאמוניסטישער פארטיי (אפאזיציע)